דבר מלכות לנוער

ב"ה ימות המשיח. עש"ק פר' צו – "חודש הגאולה"
ה'תשס"ו – הי' תהא שנת סגולות ונפלאות

# צוליב וואָס דאַרפמען האָבן אַ רבי'ן?

לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת צו ה'תנש"א

**נאָר איינער קען**

אין דער ערציילונג פון יציאת מצריים אונטערשטרייכט די תורה דעם פאַקט אַז גאולת ישראל איז געווען דוקא דורך משה. די תורה דערציילט באריכות ווי אַזוי דער אויבערשטער האָט אויסדערוויילט משה'ן נעבן דעם סנה און האָט אָפּגעזאָגט צו משה'ס בקשה אַז אימעצער אַנדערש זאָל אָנפילן די שליחות. אין פאַרלויף פון אַפּאָר טעג האָט משה געפּרואווט זיך אויסדרייען און דער אויבערשטער האָט נישט פאַרבויגט.

אויך די גאולה העתידה איז פאַרבונדן מיט משה, ווי חז"ל זאָגן 'גואל ראשון הוא גואל אחרון'.

וואָס דאָס לאָזט הערן, אַז משה האָט אַ טיפן פאַרבונד צו די גאולה, און דעריבער די גאולה קען קומען נאָר דורך אים.

און די פראַגע איז אַ דאָפּעלטע. פאַרוואָס זיינען אידן אויסגעלייזט געוואָרן דורך אַ מענטשן דוקא, און נישט דורך דעם אויבערשטן אַליין. און וואָס איז די ספּעציעלישקייט אין משה'ן אַז דוקא ער איז אויסדערוויילט געוואָרן צו די אויפגאַבע פון דער אויסלייזער?

**אַ דערמאָנונג: צו האָסט אַ צוועק!**

צו פאַרשטיין דאָס, דאַרפן מיר אַריינטראַכטן אין דעם צוועק פון די גאולה. ס'רעדט זיך נישט נאָר וועגן פרייהייט פון דער שלעכטער פרעה, אין תורה שטייט "וידעתם כי אני ה' אלקיכם המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים", "אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים". די גאולה פון מצרים איז צוליב אַז מיר די גשמיות'דיקע מענטשן זאָלן קענען און וויסן דעם אויבערשטן, ווי ס'איז טאַקע געווען אין מתן תורה און דערנאָך אין משכן, דאָרט משה און אידן האָבן געהערט דעם אויבערשטנס רייד.

פון די זעלבע סיבה איז באַגלייט געוואָרן די גאולה פון מצרים מיט וואונדערלעכע ניסים ונפלאות העכער פון טבע, כדי צו העלפן אידן זעען און פאַרשטיין אַז דער אויבערשטער איז דער איינציקער 'בעל-הבית' אויף דער גאַנצער וועלט.

די שלימות וועט זיין נאָר אין די אמת'ע גאולה, אויף וועלכע עס שטייט "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות". דער אויבערשטער אַליין וועט באַווייזן צו דער גאַנצער וועלט די גרעסטע נפלאות, און מיר אַלע וועלן קענען דעם אויבערשטן און דינען נאָר אים. דעמאָלט וועט זיין פאַרן אויבערשטן אַ דירה בתחתונים.

**פאַרבינדן די קעגנזאַצן**

כדי צו אָנקומען צו אָט דעם צוועק, שטייט פאַר אונז אַ ניט קיין פשוט'ע אויפגאַבע:

איצטער אין וועלט איז אַלץ צייטווייליק און בייט זיך. עס זיינען פאַראַן צייטן אין וועלכע מיר זיינען פאַרבונדן

מער מיטן אויבערשטן, אַזוי ווי אין צײַט פון דאַווענען און לערנען, און פאַראַן צײַטן וואָס מיר זײַנען פאַרבונדן ווײניקער. פאַראַן ערטער אין וועלכע דער אויבערשטער אַנטפּלעקט זיך מער, אַזוי ווי אין שול און בית המקדש, און פאַראַן ערטער וואָס ער אַנטפּלעקט זיך ווײניקער. אין דער קומענדיקער צײַט, דער אויבערשטער וועט זיך אַנטפּלעקן אין יעדער אָרט, אין יעדער צײַט, און אין אַ באַשטענדיקן און אַן אײביקן אופן.

דער אויבערשטער איז אַ באַשטענדיקער און אַן אײביקער, אָן באַגרענעצונגען, און דער וועלט איז אָבער באַגרענעצט און בײַט זיך. אונזערע אויפגאַבע איז, צו פאַרבינדן די צוויי קעגנזאַצן, צו אַרײַנדרינגען די אײביקע געטלעכקײט אין דער גשמיות'דיקער וועלט. ווי אַזוי וועלן מיר קענען אָנפילן אַזאַ אויפגאַבע, וואָס זעט אויס ווי אינגאַנצן אוממעגלעך?

דאָ קומט אַרײַן צום בילד משה רבינו. משה ווערט אָנגערופן 'איש האלקים', ווי חז"ל דערקלערן "מחציו ולמטה איש, מחציו ולמעלה האלקים". משה פאַרבינדט אין זיך די צוויי קעגנזאַצן, פון אײן זײַט איז ער אַ מענטש ווי אונז צוגעשטעלט פון בשר ודם (פלײש און בלוט), אָבער צוזאַמען דערמיט איז ער אַן 'איש אלקים', דער אויבערשטער געפינט זיך אין זײַן קערפּער אין אַ באַשטענדיקער און אַן אײביקער אופן, געטלעכקײט ווי זי איז העכער פאַר קײנע מדידה והגבלה (אָפּמעסטונג און באַגרענעצונג).

אַזוי איז עס געווען בײַ משה'ן, און אַזוי איז דאָס בײַ דעם נשיא הדור וואָס אין יעדער דור, וואָס אויף דעם שטײט 'אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא (= משה'ס פאַרשפּרײטונג איז אין יעדער דור), וואָס אויך ער ווערט אָנגערופן 'איש האלקים'.

און פירט אויס דער רבי מלך המשיח שליט"א:

**על פי כל הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס דוקא משה איז גואלם של ישראל, בגאולת מצרים, און גואל ראשון הוא גואל אחרון – וואָרום זײַענדיק בדרגת "תפלה למשה איש האלקים" האָט ער בכח צו ממשיך זײַן גאולה – גילוי כח הבלי גבול – אין וועלט, און אויסלײזען אידן פון אַלע מיצרים וגבולים, ביז אויך פון קליפת ועבודה זרה של מצרים, ובכח זה – אויך די גאולה האמיתית והשלימה, וואָס "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", ניט נאָר נסים המלובשים בטבע, נאָר אויך נסים גלויים שלמעלה מדרך הטבע לגמרי, ביז נפלאות.**

נאָר 'איש האלקים' ווי משה קען אויסלײזן די אידן פון מצרים, און נאָר 'איש האלקים' קען זיך אַנטפּלעקן אַלס מלך המשיח און באַווײַזן אונז די נפלאות פון די גאולה. ווי דער באַוואוסטער כלל, אַז נשיא הדור – ער איז דער משיח פון דער דור. נאָר אַזאַ ספּעציעלער ווי אים וואָס דער אויבערשטער געפינט זיך אין זײַן גוף, קען אַראָפּברענגען די שכינה אין תחתונים.

### דער משה וואָס אין יעדער אײנער

אײגנטלעך, אויכעט מיר זײַנען צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי, יעדער איד האָט צוויי זײַטן: דער גוטער זײַט, וואָס זאָגט אים טאָן מעשים טובים, צו זײַן אַ פרײלעכער און אַ האַרציקער איד, צו פאַרבינדן יעדער זאַך צום רבי'ן, צו דערצײלן דעם רבי'ן אויף די זאַכן וואָס מיר טוען. און פון צווייטן זײַט דער אַנדערער, וואָס ברענגט אונז אַרײַן אין קאָפּ נאַרעשקײטן, און וואָס מערער מ'טראַכט וועגן זיי, ציט מען זיך אויך נאָר זיי, דער זײַט לאָזט ניט אָפּ פאַר קײן ווײלע, ער נוצט יעדער מאָמענט, און מיט זײַנע איבערגעקליגלטקײט פּרוּווט אונז

ציען פֿון יעדער מעגלעכער ריכטונג, אַבי מיר זאָלן ניט זײַן פֿאַרבונדן ח"ו מיטן רבי'ן, ער ציט אונז אונטן, צו די גשמיות'דיקע ביליקע תאוות.

אַז מ'טראַכט זיך אין דעם, דערוועקט זיך מיטן גאַנצן תוקף די שאלה: פֿאַרוואָזשע? פֿאַרוואָס איז פֿאַראַן אַ נויטיקייט אין צוויי זײַטן, פֿאַרוואָס דער אויבערשטער האָט ניט באַשאַפֿן אונז אינגאַנצן גוטע?

און דער ענטפֿער איז פֿאַרבונדן פּונקט מיט די זעלבע סיבה. אונזערע אויפֿגאַבע איז צו פֿאַרבינדן די גשמיות'דיקע וועלט מיטן אויבערשטן. אויב מיר וואָלטן געווען פֿאַרבונדן נאָר מיט דער גוטער זײַט, וואָלטן מיר ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו מברר זײַן דעם נידעריקן וועלט. דעריבער האָט דער אויבערשטער אונז געגעבן צוויי זײַטן און בחירה חופשית (פֿרײַע אויסוואַל), כּדי אַז מיר זאָלן קענען זײַן כאילו ווי שטייען פֿון דער זײַט און מיר זאָלן אויסקלײַבן דעם חיים וטוב (לעבן און גוט), אַזוי אַז אויך דער שלעכטס וואָס אין אונז וועט אויסקלײַבן און זיך פֿירן לויטן גוט, לויט תורה.

דער משה רבינו פֿון אונזער דור, דער רבי מלך המשיח שליט"א, גיט יעדערן פֿון אונז דעם כח צו אויסווײַלן דעם ריכטיקן זײַט, זיך איבערגעבן אינגאַנצן צו תורה און מצוות, און אויף אַזוי פֿיל ביז אַז דאָס וועט זײַן די אײנציקע מעגלעכקייט וואָס שטייט פֿאַר אונז, און ערוועקן אין זיך דעם ווילן צו דינען דעם אויבערשטן אין אַן אופֿן פֿון ניסי ניסים.

**משיח**

און זאָגט דער רבי מלך המשיח שליט"א:

**האמור לעיל איז נאָכמער בהדגשה געפֿינענדיק זיך אין חודש ניסן פֿון הײַנטיקן יאָר "הי' תהא שנת נפלאות אראנו", און ווי גערעדט וועגן די נסים ונפלאות וועלכע האָבן פּאַסירט דעם יאָר (נאָענט צו דעם הײַנטיקן פּורים) . . וואָס די מלחמות אין יענעם טייל וועלט ("מלך פרס" מיט "מלך ארם") זײַנען פֿון די סימנים אַז אָט קומט די גאולה על ידי משיח צדקנו, ווי עס שטייט אין ילקוט שמעוני, און ווי ער זאָגט דאָרט, אַז "בני אל תתיראו . . הגיע זמן גאולתכם", און "מלך המשיח עומד על גג בית המקדש והוא משמיע להם לישראל ואומר, ענוים הגיע זמן גאולתכם"!**

•

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

לזכות

**כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א**

מהרה יתגלה ויגאלנו!

יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק

**וועלסט איבערגעבן א שיעור 'דבר מלכות' אין דיין געגנט?**

אין ארה"ק - קינדער: 5493-795 (054), אין ארה"ק - מיידלאך: 0770-646 (054),
אין ארה"ב: 4444-290 (718)

עריכה: בן מנחם • הגהה רוחנית: רבנים ואנשי חינוך • הגהה לשונית: ב. נחשון • תורגם לאידיש ע"י מנחם מענדל פעלדמאן •
יו"ל במסגרת מבצע עולמי ללימוד ה'דבר מלכות'